NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10756

YAKHIM BER

Ernest Thompson Seton

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערנעסט טאמפסאן-סעטאן.

יאכים בער.

אידיש — מ. רובינשטיין.

ארויסגעגעבן לויט אויפטראג פון דער צענטראלער שול-ארגאניזאציע פאר פוילן, ליטע און ווייסרוסלאנד אונטער דער רעדאקציע פון פסח קאפלאן.

פארלאג
„דאס בוך"
ביאליסטאק.
1921.

דרוק א. זפאר, ביאליסטאק.

פארלאג
דאס בוך
ביאליסטאק

יאכים בער.

I

א קליין קאָמיש בערעלע איז יאָכים געווען. געלעבט האָט ער צוזאמען מיט זיין מוטער ברומע אין יעלאוסטאנער פארק. אזוי ווי א סך אנדערע בערן האָבן זיי זיך געפונען א היים ניט ווייט פון פאנטאן=האָטעל, טאקע אינם זעלביקן פארק. דער קאָכער פון האָטעל פלעגט ארויסווארפן אלע קיך=אָפפאלן אין נאָענטן וואלד=בלויז. אזוי ארום זיינען די בערן תמיד געווען באזאָרגט מיט קעסט און האָבן אלע טאָג געגעסן פון א געגרייטן טיש. זייער צאָל האָט זיך כסדר פארגרעסערט פון דער צייט, ווען ס'איז ארויס א געזעץ, אז דער יעלאוסטאנער פארק ווערט דערקלערט פאר א מקום מקלט פאר אלע ווילדע חיות, וואו זיי קענען לעבן רואיק און קיינער טאָר זיי דאָרט ניט אָנרירן.

מיט חשק האָבן די בערן אויסגענוצט די הכנסת=אורחים פון די גוטע מענטשן. א סך בערן זיינען שוין באקאנט געווען די האָטעל=באדינער, און יענע האָבן זיי גערופן מיט צונעמען, ווי למשל, דזשים דער לאנגער — א מאָגערער, א לאנגפיסיקער און א שווארצער. סנעפי דער פארסמאלעטער — אויך א שווארצער,

זיין פעל האָט אויסגעזען פארסמאָלעט. פעטי — א דיקער, א פוילער, האָט זיך קיין מאָל ניט געקענט אָנעסן צו זאט. טוּאינטי (א צווילינג) — צוויי האלב־דערוואקסענע האָריקע בערעלאך, וועלכע זיינען תמיד געווען צוזאמען, האָבן חבריש געלעבט צווישן זיך. מער פאר אלעמען האָט אָבער נושא חן געווען ביי די דינער ברומע מיט איר זונדל יאכים.

ברומע איז געווען די שטארקסטע, די גרעסטע פון אלע שווארצע בעריכעס אין יעלאָוסטאָנער פארק. יאכים איז געווען באקאנט מיט זיינע המצאות, אייביקן קרעכצן און יענטשען. ער האָט טאקע, באמת נעבעך, שטענדיק געקרעכצט, ווייל געזונטע בערעלאך האָבן ניט קיין טבע צו קרעכצן און יאָמערן אָן א טיבה. זיין פנים האָט עדות געזאָגט, אז ער האָט א קראנקן מאָגן. ס׳איז קיין חידוש ניט, גיט: א קוק אויף זיין אכילה, וועט איר זאָגן, אז ער האָט געמוזט קרענקען. ער פלעגט אראָפשלינגען אלץ, וואָס ס׳האָט זיך נאָר געמאכט. די מאמע האָט אים ניט געשטערט. דערפאר איז זי טאקע געווען דער גרעסטער בעל־חייב, וואָס איר בן־יחידל האָט כסדר געקרענקט.

פאַרמאָגט האָט יאכים בלויז דריי געזונטע פיס, אויף דער פערטער האָט ער צוגעהונקען. זיין פעל איז געווען אָפּ־געריבן, פלעקיק, די גלידער דינע, די אויערן און דער בויך עפּעס מאָדנע גרויס. ביי אלע זיינע חסרונות האָט די מוטער געהאלטן, אז איר בן יחידל איז דער שענסטער אין דער בערישער משפחה. ער איז ביי ברומען געווען די אויג פון קאָפּ. זי האָט אים צעלאָזן און איבערגעפירט, ווי ס׳טרעפט זיך ניט זעלטן אויך צווישן מענטשן. פאר איר זונדל איז זי געווען גרייט, פון אלץ אָפּצוזאָגן זיך, אלע אומבאַקוועמלאכ־קייטן איבערטראָגן; אים ווידער האָט עס קנאַפּ־וואָס געאַרט. דערצו איז ער נאָך געווען א גרויסער עקשן און גאָר קיין נאר נישט: ער האָט גוט געוואוסט, ווי זיך דערשלאָגן צו זיינס און צווינגען דער מוטער דערפילן אלע זיי־נע קאפריזן און פארלאנגען.

II.

ס׳איז געווען זומער 1897, ווען איך האָב זיך באקענט מיט דער בערישער משפחה. באזוכט האָב איך דעם פּארק, כדי אויסצופאָרשן דעם לעבן פון די חיות. אין די וועלדער פון דעם



זײַן פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט אַ קראַנקן מאָגן.

פארק, האָט מען מיר פארזיכערט, וועל איך געפינען בערן, וויפל מיין הארץ געלוסט, וואָס איך האָב, אמת לכתחילה ניט געגלויבט. אָבער גלייך דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר איך בין אריין אין וואלד, האָב איך זיך אָנגעשטויסן פנים אל פנים מיט א גרויסער בעריכע און אירע צוויי קינדער.

צעמישט פון דער באגעגעניש בין איך געבליבן שטיין: איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. אויך די בערן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די מוטער האָט ארויסגעברומט א קלאנג, געראָטן אין „קאף=קאף!", און א בליק געטאָן אויף א נאָענטער סאָסנע. די בערעלאך האָבן פארשטאנען איר בליק, זיינען גיך צוגעלאָפן צום בוים און פלינק ווי מאלפעס ארויפגעקלעטערט אויף אים. צוהאלטנדיק זיך מיט די פאָדערשטע לאפעס פאר די צווייגן, האָבן זיי זיך אוועקגעזעצט, געבאמבלט ווי צוויי חדר=אינגלאך מיט די הינטערשטע לאפעס אין דער לופטן און אראָפּגעקוקט אונטן, וואָס וועט דאָרטן פאָרקומען.

די מאמע=בער האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע לאפעס, זיך אויס=געגלייכט ווי א מענטש און פאמעלאך דערנעענטערט זיך צו מיר. איך בין זיך מודה, אז אויפן הארצן איז מיר געווען אין יענער מינוט ניט איבעריקס גוט. די בעריכע איז געווען זעקס פוס הויך און, מסתמא, א סך שטארקער פאר מיר. איך

האָב איר שאַרף אָנגעקוקט, דער מאַגישער כּוח פון מענטשלאַכן בליק האָט אויף איר לחלוטין ניט געווירקט, ווייל זי האָט זיך דערנעענטערט צו מיר

איך האָב אפילו קיין פשוטן שטעקל אין האַנט ניט געהאַט, און דערהערט דעם ערשטן בּרום, בין איך שוין גרייט געווען צו מאַכן פּליטה אין האָטעל אַריין, כאָטש דאָרטן האָט מען מיר פאַרזיכערט, אַז די בערן ברעכן קיין מאָל ניט דעם שלום, וואָס די מענטשן האָבן געשלאָסן מיט זיי.

די בעריכע האָט, אפנים, פאַרשטאַנען, וואָס איך וויל טאָן, פאַרשעמט וואָס זי האָט מיך איבערגעשראָקן, האָט זי זיך אָפּגע-שטעלט דרייסיק טריט פון מיר. זי האָט, מסתמא, פאַרשטאַנען, אַז ווי באַלד איך האָב מורא פאַר איר, איז שוין פון מיין צד אוודאי קיין סכּנה פאַר אירע קינדער ניטאָ, זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ צו זייער זייט און באַרואיקט אַרויסגעבּרומט: "ער-ר-ר ער-ר-ר!", יענע זיינען מיט א מוסטערהאַפטער פאָלגזאַמקייט תּיכף אַראָפּ אויף דער ערד.

ס'איז א כּלל ביי אַלעמען, אַז די בערן זיינען אומבאַוועגלאַך און ניט רירעוודיק. איך האָב דערפון קיין סימן ניט באַמערקט. אדרבּה, לייכט און פלינק זיינען זיי געשפּרונגען פון צווייג צו צווייג און פון נידעריקסטן אַראָפּגעשפּרונגען גלייך אויף דער ערד. נאָכדעם זיינען אַלע דריי נעלם געוואָרן אין וואַלד.

מיר האָט שטאַרק געחידוש און פאַראינטערעסירט די פאָלגזאַמקייט פון די בערעלאַך. אָן א סימן פון פּראָטעסט א.ז.

ווידערשטאנד האָבן זיי אין איין מינוט געפאָלגט דעם באפעל פון דער מוטער. שפּעטער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז זיי האָבן געהאַט גענוג סיבות דערצו. ביים קלענסטן חשק אַנטקעגנ-צושטעלן זיך דער מוטער, האָבן זיי קיין האָניק ניט געלעקט. די מוטער פלעגט זיי מכבד זיין מיט אַזעלכע סטוסאַקעס, אַז זיי האָבן שוין פאַרזאָגט א צענטן ניט צו פאָלגן. כדי דאָס אליין צו זען, איז שוין כדאי געווען די נסיעה אין יעלאָווסטאָנער פּאַרק. פאַרשטייט זיך, איך האָב זיך דערמיט ניט באַנוגנט.

אויף מאָרגן פאַרטאָג בין איך אוועק טיפער אין וואַלד צום אָרט, וואוהין מ'וואַרפט ארויס די קיך-רעשטלאַך. דאָרט איז געווען דער בערישער סעודה-זאַל.

שוין פון דערווייטנס האָב איך באַמערקט א גרויסן שוואַרצן בער, וועלכער האָט מיט די לאַפּעס געגראַבלט אין א באַרג מיסט, זוכנדיק פאַר זיך געשמאַקע מאכלים. ער איז געווען ריזיק גרויס, אָבער נערוועזיש און שרעקעוודיק. נאָך יעדן אַראָפּגע-שלונגענעם ביסן זעצט ער זיך אויף די הינטערשטע לאַפּעס, קוקט זיך ארום אויף אלע זייטן. דער מינדעסטער גערויש רופט ארויס ביי אים א חשד, און ער לויפט אָפּ אָן א זייט, ערשט אַרומזעענדיק זיך, אַז ס'איז ניטאָ קיין סכנה, קערט ער זיך אום פאַרזיכטיק צוריק צו זיין מאָלצייט.

ווען איך האָב פונאנדערגענומען די קוסטעס, כדי פרייער צו זען, איז אים באפאלן א גרויסער פחד, מיט פארלייגטע אויערן און איינגעציורעטן עק איז ער אנטלאָפן און נעלם געווארן אין וואלד.

לכתחילה האָב איך אליין זיך געפילט גיט גאָר רואיק: אין פארק איז געווען פארווערט צו טראָגן מיט זיך געווער, און מאלע וואָס ס'קען דאָ פאסירן מיט א מענטשן, אָבער די פחדנישקייט פון גרויסן בער, וואָס האָט פאר מיר געמאכט פליטה, און די נעכטיקע באגעגעניש מיט דער בעריכע און אירע קינדער, האָבן מיר צוגעגעבן מוט און איך האָב זיך איינגאנצן אָפגעגעבן, אויסצופאָרשן דעם לעבן פון די היגע חיות.

די קוסטעס, וואָס איך האָב זיך באהאלטן הינטער זיי, זיינען געווען הונדערט טריט ווייט פון מיסט-הויפן, ס'איז אפילו געווען ווייטלאך, אָבער קיין נעענטערן אָרט האָב איך ניט געפונען. דעריבער האָב איך אויסגענוצט די רגע, בעת אויף דער בערישער „גאָרקין" איז קיין לעבעדיקער נפש ניט געווען, צוגעגנבעט זיך אהין, אויסגעגראָבן מיט א שטעקן אין דער ווייכער ערד א גאנץ גרויסע און טיפע גרוב און ארייגעזעצט זיך אין איר.

אין דער דאָזיקער גרוב מיט אירע געשמאקע ריחות האָב איך פארבראכט כמעט יענעם גאנצן טאָג, פליגן אָן א שיר האָבן דאָ געשווירבלט און געגריבלט. נאָר וואָסער קרבן וועסטו ניט ברענגען, כדי צו זעין נייס און אפילו צוליב פשוטע נייגיריקייט?

אין האָטעל האָב איך זיך אומגעקערט ערשט אינאָוונט. פון מיר האָט אָבער געשלאָגן אזא ריח ניחות, אז מ'האָט מיר אהין ניט ארייגעלאָזן, ביז איך האָב ניט אָנגעטאָן אנדערע מלבושים, וואָס דער האָטעל-באַדינער האָט מיר געמוזט ארויסברענגען פון מיין צימער.

ס'האָט אָבער געליינט, איך בין געווען באפרידיקט. פאר מיר האָט זיך אנטפּלעקט א נייע וועלט, מיר האָט זיך געדוכט, אז איך האָב געזען אין דעם טאָג דריי, פיר צענדליק בערן. איינדעראמתן, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז מער ניט געווען ווי א צענדליק, ווייל א סך האָבן זיך געדרייט אהין און צוריק צו עטלאכע מאָל, אָבער פאר מיינע חקירות איז די דאָזיקע צאָל אויך געווען עד בלי די.

א גאנצן טאָג האָב איך געארבעט אין מיין נאָטיץ-ביכל, אין זשורנאל, פאָטאָגראפירט אלץ, וואָס ס'איז נאָר געווען אינ-טערעסאנט. האָבנדיק אויפן פּאפּיר פיגורן פון איינצלנע בערן, האָב איך זיך באקאנט מיט זייערע באזונדערע סימנים, און זיי זיינען פארבליבן אין מיין זכרון.

פאראן א ווערטל „אלע יונים האָבן איין פּנים"; מ'מיינט אויך, אז אלע נעגערס, כינעזער, ווי אויך חיות פון איין מין האָבן די זעלביקע מראה. האָבן זיי א גרויסן טעות: פונקט ווי איטלאכס מענטש, אזוי אויך יעדער חיה אונטערשיידט זיך מיט אירע אייגנשאפטן פון די אנדערע פון איר מין. אניט, ווי וואָלטן די חיות איינע די אנדערע דערקענט, ווי וואָלט דערקענט די מו-טער אירע קינדער?

די דאָזיקע בערן אין וואלד זיינען געווען א ריכטיקע ראיה פון דער חיהשער אינדיווידואלישקייט*). איך האָב ניט געפונען קיין צוויי בערן, וואָס זאָלן זיין סיי מיטן אויסזען, סיי לויטן כאראקטער גלייך איינער ווי דער אנדערער.

פון איין זאך בין איך נתפעל געוואָרן: איך האָב געהערט א כאָר פון פארשיידענע פויגעלאך, דעם פיקהאָלץ פיקנדיק אין בוים, די ווערעווערקע גנבענענדיק זיך איבער דער ערד באדעקט מיט נאָדלען. איך האָב אָבער ניט געהערט, ווי די בערן דערגעענטערן זיך, זיי האָבן אזוי פאָרזיכטיק געשפרייזט מיט זייערע קרעפטיקע לאפעס, אז קיין צווייגעלע האָט זיך ניט געבראָכן, קיין טרוקע־נער בלאט האָט ניט געשורשעט. אזוי האָבן די בערן זיך אויס־געלערנט דעם קונץ צו גיין שטיל אין וואלד.

III.

איינער נאָכן אנדערן זיינען פארשיידענע מינים וואלד־באַ־וואוינער געגאנגען פארביי מיין באהעלטעניש, קיינער אָבער האָט מיך ניט באמערקט. נאָך האלבן טאָג איז שוין געוואָרן לעבעדי־קער.

אין דער „גאָרקין" האָבן אין דער צייט באלעבאטעוועט דריי גרויסע בערן. אין מיטן איז א צופרידענער געלעגן פעטי, אויסגעצייגן אין זיין גאנצער לענג. ער האָט שטארק געסאפעט, ווען ער פלעגט זיך דארפן מטריח זיין אָפרוקן, כדי מיט זיין לאפע אָדער מיט דער ארויסגעשטעקטער צונג דערגרייכן, וואָס

*) פערזענלאכקייט

ס׳איז אים געפעלן.

לעם אים האָט דושים דער לאנגער אנאטאָמיש צעגלידערט די רעשטלאך פון א גרויזן ים־ראק *). ס׳איז פאר אים, מסתמא, געווען גאָר א נייס, ווייל נאָך א לאנגן שמעקן מיט דער נאָז, טאפּן מיט די לאפּעס, בייסן מיט די ציין האָט ער זיך דערפון אָפּגעטראָגן.

דער דריטער האָט וואונדערבאר פלינק געררייניקט די פּושקעס פון קאָנ־סערווירטע פרוכט. האלטנדיק די פּוש־קע אין די פאָדערשטע לאפּעס, האָט ער מיטן ארויסגעשטעקטן צונג שפּא־צירט איבער אירע ווינקעלאך און, אויסמיידנדיק די שפּיציקע עקן, אויסגעלעקט ביזן לעצטן טראָפּן.

די אידילישע סצענע האָט גענוג לאנג געדויערט, איך האָב באוויזן פאָטאָגראפירן איר. פלוצלונג האָב איך באמערקט א באַ־וועגונג אויפן וואלד־בערגל. ס׳האָבן זיך באוויזן צוויי פיגורן איינע א לאנגע און א גרויסע, די אנדערע — א קורצע און א קליינע, געווען איז דאָס ברומע מיט איר יאכימל.

די מאמע־בער איז גיך געגאנגען בארג אראָפּ, דער זונדל איז געקראָכן ביי דער זייט, ברומענדיק בעת מעשה. יעדע רגע

*) אָמאר. Омар.

דִי בֶּערן בַּײַ דֶער סְעוּדה.

האָט זיך די מאמע אומגעקוקט מיט צערטלאכע בליקן אויף איר בן יחיד.

שוין גאָר נאָענט האָט די מאמע עפּעס א זאָג געטאָן יאָכימען. שפּעטער האָב איך פארשטאנען, אז ס'האָט געדארפט באַדייטן:

„יאכימל, מיין זון, דו בלייבסט דאָ, איך וועל גיין צעטרייבן דעם עולם".

יאָכים איז תיכף געבליבן שטיין, אָבער ער האָט געוואָלט זען, וואָס וועט דאָ זיין. ער האָט זיך געזעצט אויף די הינטערשטע לאַפּקעס, צונויפגעלייגט די פאָדערשטע, אָנגעשפּיצט די אויערן און אויסגעגלאָצט די גלאנציקע אויגעלאך.

מיט א גאנץ שארפן הוסט האָט ברומע אָנגעזאָגט, אז זי איז דאָ. פארטאָן אין עסק, האָבן די עסער ניט געלייגט קיין אכט אויף איר התראה, וואָס האָט באַדארפט באַדייטן, אז זי איז געקומען מיט איר זון נאָך א חלק. זעענדיק, אז זיי ארט דאָס ווי די וואנט, האָט זי עטלאכע מאָל א הוסט געטאָן און איז פלוצלונג אריינגעשפּרונגען צווישן די בערן. קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט קיין חשק אָנצוהויבן א קאמף, און אַלע דריי האָבן געוויזן די רוקנס.

דזשים דער לאנגער מיט זיין חבר זיינען האסטיק נעלם געוואָרן אין וואלד, פּעטי דער דיקער האָט זיך פאַמעלאָך געשלעפּט און, עטעמענדיק ווי א באַלאָזזאַק, זיך געקייקלט, צום אומגליק, אין דער ריכטונג, וואו יאָכים איז געבליבן.

דערזעענדיק דאָס, איז ברומע מיט עטלאכע שפרונגען גע־
ווען לעם אים און האָט אים געגעבן א פּאָר געזונטע קלעפּ אין
די זייטן, אז ער האָט געשריען פאר ווייטאָג. פון שרעק האָט ער
זיך געזעצט אויף די הינטערשטע לאפּעס. באקומענדיק אָבער
נאָך א שטארקן סטוסאק, האָט ער ערשט געכאפּט, וואָס זי מיינט
דערמיט און מיט אויסערגעוויינלאכע פלינקייט זיך אוועקגעלאָזן
אין אן אנדער ריכטונג.

IV.

בלייבנדיק איינע אליין די באלעבאָסטע אויפן סעודה־זאל,
האָט ברומע מיט א צערטלאכן ער־ר־ר! ער־ר.־ר! א רוף
געטאָן איר זון, וועלכער האָט זיך ניט געלאָזן לאנג בעטן. מיט א
פרייד־געשריי איז ער צוגעהונקען אויף זיינע ד'ריי געזונטע פיס
צו זיין מוטער. יאכים האָט דאָ געהאט אזא געשמאקע און רייכע
סעודה, אז ער האָט אויפגעהערט צו יאָמערן און מורמלען.

קענטיק, דער קליינער נאשער איז דאָ געווען אן אָפטער
גאסט, ווייל ער האָט זיך תיכף געלאָזן צום אָרט, וואו ס'האָבן
זיך געוואלגערט א סך פּושקעס. מ'האָט געקענט מיינען, אז ער
האָט א ידיעה אין די שווארצע פּינטעלאך אויף די פּושקעס, ווייל
מיט פאראכטונג איז ער פארבייגעגאנגען די פּושקעס, אין וועלכע
ס'זיינען געווען ים־ראקעס, סארדינקעס און נאָך מאכלים, צו
וועלכע ער האָט קיין גרויס אפּעטיט ניט געהאט. ער איז געווען
א בריה אויף אויסזוכן זיסע פּושקעס, אויף וועלכע ער האָט זיך
מיט חשק ארויפגעוואָרפן.

אנדערע פושקעס האָבן אים פארשאפט ניט וויניק עגמת נפש. אָפטמאָל איז ער געווען אזוי זשעדנע און אומגעלומפערט, אז ער פלעגט זיך צעדראפען מיט די שארפע שפיציקע קאנטן דעם נאָז און די צונג.

ס'האָבן זיך געטראָפן נאָך ערגערע מעשיות. אזוי, למשל, האָט ער אויסגעזוכט א גרויסע בלעכענע פושקע, האָט ארייַנגערוקט אהין דעם קאָפּ, מיט שטארק הנאה האָט ער געלעקט, סאַפּענדיק פאר שמחה, וואָס ער קען דערגרייכן מיטן צונג דעם דעק. נאָר ווען ער האָט געוואָלט ארויסשלעפּן דעם קאָפּ, האָט ער דערפילט, אז ס'איז גאָרניט אזוי לייכט. ער האָט אָנגעשטרענגט אלע זיינע כוחות און אומזיסט געריסן מיט די פאָדערשטע לאַפּעס דעם אומגעריכטן פוץ פון קאָפּ. אין גרויס פארצווייפלונג האָט ער געשריען און זיך געוואָרפן. די מאמע-בער, וואָס איז געקומען צולויפן אויף איר זונס ערשטן געשריי, האָט א לאנגע צייט אויך גאָרניט געקענט טאָן. זי איז געווען שטארק אומרואיק, זעענדיק ווי איר שלימזלדיקער בן-יחיד איז מיאוס ארייַנגעפאלן.

א רחמנות, נעבעך, אָבער ס'איז געווען זייער אינטערעסאנט צו קוקן אויף דער טראגי-קאָמישער סצענע.

צום סוף, נאָך לאנגער מאטערניש האָט זיך דער מוטער איינגעגעבן ארויסצורייסן די פארעקשנטע פושקע. זי האָט באַטראכט זיין קאָפּ, ארומגעשמעקט, צערטלאך ארומגעלעקט. נישט געפינענדיק קיין ערנסטע וואונדן, האָט זי זיך בארואיקט. זי האָט

א מורמל געטאָן: מסתמא א אויסרייד איר תכשיטל געמאכט און א צופרידענע אוועק אָפּעסן איר מיטאָג.

יאכים האָט איצט אויסגעלאָזן זיין גאנצן כעס צו דער פושקע, וואָס האָט אים אָנגעמאכט אזוי פיל צרות. ער האָט איר אזוי לאנג געשלאָגן מיט די פאָדערשטע לאפּעס, ביז ס'איז פון איר געוואָרן א פּאמפּושקע.

נאָכדעם האָט ער זיך א לאנגע צייט געעסקט מיט א גרויסער פּירקאנטיקער פושקע פון סיראָפּ. אין דעקל איז געווען א קיילעכדיקע לאָך, צו קליין אָבער אויף ארייננצושטעקן אהין די מאָרדע. מיטן צונג, ווי לאנג ער זאָל אים ניט אויסציען, האָט ער ניט געקענט דערגרייכן די ווענטלאך, ניט דעם דעק. דאָ איז ער געפאלן אויף א המצאה. ער האָט זיך אוועקגעזעצט און גענומען די פושקע צו זיך אויף די קני. צוהאלטנדיק מיט איין לאפּע, האָט ער די צווייטע ארייגעשטעקט אין פושקע, און א פּאָר מינוט שפּאצירט מיט איר איבער די ווענטלאך און דעק. נאָכדעם האָט ער ארויסגעשלעפּט די לאפּע איינגאנצן א באדעקטע מיטן זיסן סיראָפּ. מיט גרויס תענוג האָט ער זי פלייסיק ארומ-געלעקט, בעת ער האָט ארייגעשטעקט די צווייטע לאפּע. ער האָט כסדר איבערגעחזרט די שפּיל. אז די פושקע איז שוין געווען אינגאנצן ריין, האָט ער איר אוועקגעוואָרפן.

באלד האָט ער געפונען א נייע מציאה, צו וועלכער ער האָט זיך שטארק גענומען. דאָסמאָל — א פּאסקע, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען. אין דער פּאסקע איז געווען א שטיקל

ער האָט זיך געעסקט ביי א פושקע פֿון סיראָפּ.

קעז, וואָס האָט מיט זיין ריח געררייצט אונזער נאשער, ער האָט דווקא געוואָלט ארויסקריגן עס, געארבעט מיט אלע כוחות, אָבער זיין טרחה איז געווען אומזיסט. ער האָט זיך נאָר אָפּגעקלעמט די לאַפּע און, האסטיק ארויסשלעפּנדיק, א צייט געטרייסלט אין־דערלופטן.

ער האָט געדרייט די פּאסקע אהער און אהין, געשאָקלט, טאָמער וועט די שטיקל קעז ארויספאלן, ס'האָט ניט געהאָלפן.

איך האָב שיר ניט ארויסגעשאָסן א געלעכטער, ווען איך האָב געזען ווי קאָמיש ער בלאָזט, דרייט דעם קאָפּ דאָ אין איין זייט, באלד אין דער אנדערער, רוקט די לאַפּע צווישן די דראָטן, וועלנדיק כאפּן מיט די נעגל די שטיקל קעז.

פארלוירן די האָפענונג צו פארזוכן די קעז, האָט ער פאר גרויס כעס און, אפשר, ווייל ער האָט געמיינט, אז דאָס וועט העלפן, גענומען ברעכן און בויגן די דראָטן. דערמיט האָט זיך דער עקשן דערשלאָגן זיינס: ער האָט ארויפגעריסן פון האטשעק די קעז און מיט גרויס פאראד אריינגעוואָרפן אין מויל.

צופּטרט מיט די זיסע, האָט ער זיך גענומען צו די פּושקעס מיט די רעשטלאך מארענירטע פיש און ימו־ראַקעס. ער האָט זיך ניט געשראָקן פארן שלעכטן ריח, וואָס האָט געשלאָגן פון זיי.

זיין בויך איז אלץ מער און מער געשוואָלן געוואָרן ווי א לופטבאלאָן. די לאַפּעס זיינען פון א סך ארומלעקן געוואָרן דיק און גלאנציק, ווי ער וואָלט געטראָגן שווארצע זיידענע הענטשקעס.

V.

מיר איז פלוצלונג אריין אין קאָפּ א רעיון, אז איך בין אייגנטלאך אין גרויסער סכּנה. ס׳איז א חילוק טרעפן א פּשוטן בער, אָן אימעצן פון זיין משפחה, אָדער צערייצן א מוטער־בער, דערשרעקנדיק צופעליק איר קינד.

מירן זיך פאָרשטעלן, — האָב איך געטראכט, — דעם קליינעם פאלט איין א מחשבה אדורכשפּאצירן זיך פארביי מיין באהעלטעניש, וועט ער מיר דאָך באמערקן און, פארשטייט זיך, תיכּף אויפהויבן א גוואלד אין הימל אריין, די מוטער וועט מיר חושד זיין, אז איך האָב פארטשעפּעט איר ליבלינג, וועט פארגעסן אָן דעם שלום, וואָס די מענטשן האָבן געשלאָסן מיט די בערן, און אן אויפגערעגטע ווארפן זיך אויף מיר. און פאל איך אריין אין בערישע לאפּעס, איז מיר ניט מקנא צו זיין.

צום גליק, זיינען די פּושקעס, ביי וועלכע ער האָט זיך געעסקט, געווען ווייט פון מיין גרוב, אָפּטרעטן פון זיי האָט ער ניט געטראכט. די מוטער האָטס אויך ניט געהאט אין זינען, זי איז אויף א רגע ניט אָפּגעטראָטן פון איר זון.

באמערקנדיק, אז די מוטער האָט אויפגעהויבן וייער א גרויסע פּושקע, איז יאָכים מיט א קוויטשעריי געלאָפן צו איר, געוואָלט ארויסקריגן איר.

פארביילויפנדיק האָט ער א קוק געטאָן אויפן בערגל, פון וואנען ס׳קומען אָן די בערן, און איז פלוצלונג געבליבן זיצן אויף די הינטערשטע לאפּעס און ארויסגעלאָזן א דערשראָקענעם

„קאף! קאף!“.

די בעריכע האָט תּיכּף אומגעקערט דעם קאָפּ, וואוהין איר זון קוקט. איך האָב דערזען — אוי, א שרעק! — א גרויען בער, א ריז: ס'האָט זיך געדוכט פון דערווייטנס, אז צווישן די בוימער באוועגט זיך א אָמניבוס, פארוויקלט אין פעל.

א דערשראָקענער האָט יאָכים זיך באהאלטן הינטער זיין מוטער, אָנהאלטנדיק זיך אָן איר פרעכטיקן פוטער. די מאמע בער האָט זיך געזעצט אויף די הינטערשטע לאפעס און א ברום געטאָן. איך האָב באמערקט, אז די האָר שטעלן זיך איר קאפויער און דערפילט אז מיינע — אויך.

מיט אן איינגעהאלטענעם אָטעם בין איך געבליבן רואיק ליגן, ווארטנדיק אויף א דראמע, וואָס וועט זיך דאָ, בלי=ספק, באלד אָפּשפילן.

פאמעלאך, רואיק, פעסט איז געגאנגען דער גרויער ריז זיין טריט, זיין באוועגונג, זיין זילבערווייסער פעלץ איז געווען כוח און מאכט.

יאָכים האָט אויף א הויכן קול אָנגעהויבן צו שרייען. איך האָב אים באמת מיטגעפילט.

ארומקוקנדיק זיך א ווײַלע, האָט ברומע געוואָרפן א בליק אויף איר זון און האָט דריי מאָל א הוסט געטאָן. דער בערעלע האָט א מאך געטאָן מיטן קאָפּ. א סימן — ער האָט פארשטאנען. זי האָט אים, מסתמא, געזאָגט:

„פאר דיר, מיין קינד, איז גלייכער ארויפצוקריכן אויף א בוים, איך וועל גיין פארטרייבן די חיה".

אלנפאלס אזוי האָט ער געטאָן.

ער האָט זיך באקוועם איינגעאָרדנט אויפן שפּיץ פון א גערדיכטער סאָסנע. אָנגעשטעלט די אויערן, האָט ער אראָפּגעקוקט צו דער ערד, זען וואָס וועט דאָרט זיין.

אומרואיק, מסתמא, פארן גורל פון דער מוטער, האָט ער פון צייט צו צייט געקוויטשעט.

דער צווייג, אויף וועלכן ער איז געזעסן, איז געווען א דינער, האָט זיך געבויגן אונטער זיין משא. אלע רגע האָב איך מורא געהאט: אָט אָט פאלט ער אראָפּ. לויט מיין חשבון, האָט ער געדארפט פאלן גלייך אויף מיין קאָפּ. דער צווייג איז אָבער גע־ווען שטארקער, ווי ער האָט אויסגעזען, אויך האָט יאכים פאר־שטאנען ווי צו האלטן גלייכגעוויכט, אלנפאלס, דער קליינער איז בשלום געזעסן אויף זיין הויכן טראָן.

אין דער צייט איז ברומע מוטיק געגאנגען אנטקעגן דעם גרויזן ריז. אויסגעצייגן אין איר גאנצע־הויך, אָנגעשטעלט די ברוסט, קריטשענדיק מיט די ציין, האָט זי מוראדיק געריטשעט און איר פארשטעלט דעם וועג.

ווי איך האָב געזען, איז דער גרויער גאָרניט נתפעל גע־וואָרן. ער האָט אויף איר אפילו ניט א קוק געטאָן און איז רו־איק געגאנגען צום מיסטבארג, ווי קיין לעבעדיקער נפש וואָלט דאָ ניט געווען.

זייענדיק א צוועלף טריט פון שרעקלאכן גאסט, האָט ברומע עטלאכע מאָל א הוסט געטאָן, נאָכדעם האָט זי זיך האסטיק א לאָז געטאָן פאָראויס און פלוצלונג אראָפגעזאָגט אים א מוראדיקן זעץ איבערן אויער. א ווײלע איז ער געווען באטויבט. נאָר קומענדיק, קענטיק, צו זיך, האָט ער א מאך געטאָן מיט דער לינקער לאפע און אוועקגעלייגט איר ווי א סנאָפּ שטרוי.

גאָרניט אָפּגעשראָקן, נאָר, אדרבה, נאָך מער צעבושעוועט, איז זי אויפגעשפרונגען און האָט ווידער זיך געוואָרפן אויף איר מעכטיקן געגנער.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אן עקשנותדיקע מלחמה. שרייענדיק און ריטשענדיק האָבן זיך די קעמפער ארומגענומען מיט אלע פיר לאפעס און זיך געקייקלט אויף דער ערד, געביסן, געדראפעט, געשטויסן און, בכלל, געשלאָגן זיך לויט אלע כללים פון א בערישן צווייקאמף. גאנצע וואָלקנס שטויב האָבן זיך אויפגעהויבן ארום זיי און איינגעוויקלט זיי אינגאנצן. יאָכים האָט פון אויבן מיט שניידנדיקע קולות צוגעגעבן מוט דער מאמען, ניט אונטערצוגעבן זיך דעם תעזהדיקן גאסט און אָנלערנען אים, ער זאָל שוין מער ניט שרעקן קיין קליינע בערעלאך.

איך האָב בעת מעשה געגלויבט, אז פון איר וועט קיין שריד ופליט ניט בלייבן, ס׳האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן ניט אזוי. דער שטויב האָט פון מיר באהאלטן די פרטים פון דעם פארביטערטן קאמף. ווי דורך א געדיכטן נעפל האָב איך נאָר געזען א גרויסן קנויל. מיט א מאָל, ווי אָפּגערעדט, האָבן זיי זיך אויס-

געהויבן אויף אלע פיר און א קוק געטאָן אייגע אויף די אנדערע.
ברומע האָט שווער געאטעמט און זיך געטרייסלט, מעגלאך, פון
אויפרעקונג. דער ריז האָט געקוקט, ווי ס'וואָלט גאָרניט פאסירט.

פאר אים, ווייזט אויס, איז עס געווען גענוג. ער האָט בכלל
ניט בדעה געהאט אָנצוהויבן א געשלעג און כלל ניט געוואָלט
באליידיקן ניט יאָכימען, ניט אן אנדערן. ער האָט בלויז געוואָלט
בשלום אָפּעסן. נאָר ברומע האָט אים, מן הסתם, ניט געגלויבט.

ווי נאָר דער גרויער גבור האָט א טריט געטאָן צום מיסט-
בארג, וואָס איז געווען ניט ווייט פון בוים, וואו יאָכים האָט זיך
געראטעוועט, האָט ברומע חושד געווען
דעם ריז, אז ער גייט צו איר זון, און
האָט זיך ווידער געוואָרפן אויף אים.

איצט האָט דער ריזיקער גבור
געוויזן, וואָס ער קען. ער האָט איר
מכבד געווען מיט אזא סטוסאק, אז
זי איז אָפּגע-
פלויגן אין א
זייט און זיך
צעשלאָגן אָן
א דיקן שטאם.
איר גאנצער
קערפער האָט
זיך אָנגעהויבן
צו טרייסלען.

שרייענדיק פאר פארדרוס און ווייטאָג, האָט זי זיך קוים איפגע־הויבן אויף די פיס.

די בעריכע האָט שוין מער קיין חשק ניט געהאט צו קעמפן און איז געווען גרייט איבערצורייסן דעם געשלעג. מן הסתם, האָט זי חרטה געהאט אויף דער גאנצער מעשה, וואָס זי האָט אומזיסט, אפשר, אָנגעהויבן.

שטיל ברומענדיק, האָט זי זיך פארנומען אין א זייט, האָבנדיק בדעה צו פארלאָזן דעם שלאכט־פעלד. אָבער נייך איצט איז שוין דער געגנער אריין אין ברען. ער האָט איר געוואָלט איינמאָל פאר אלעמאָל אָנלערנען, זי זאָל אים אָן א סיבה מער ניט באליידיקן, און זיך א לאָז געטאָן נאָך איר. די בעריכע האָט אים פלינק אויסגעמיטן. האלטנדיק זיך הינטער א בוים, האָט זי גענומען דרייען זיך ארום אים. דער בער נאָך איר. א לאנגע צייט האָבן זיי זיך געדרייט ארום בוים. יאָכים האָט אנטייל גענומען אין דער שפיל מיט הארצרייסנדיקע קולות, וואָס האָבן זיך צעטראָגן איבערן גאנצן וואלד. ניט קענענדיק כאפן זיין געגנערין, האָט דער ריז זיך געזעצט אויף די הינטערשטע לאפעס און געזוכט, קענטיק, א נייעם פלאן.

די הפסקה האָט אויסגענוצט ברומע: זי איז תיכף ארויפ־געקראָכן אויפן בוים, וואו ס׳איז געזעסן איר זון.

יאָכים האָט זיך אראָפגעלאָזן נעענטער צו דער מוטער, פאר מורא, מסתמא, זי זאָל זיך ניט זעצן צו אים אויפן אויבער־שטן צווייג, וועלכער וואָלט ניט אויסגעהאלטן די טאָפּעלע משא.

איך האָב שטארק חשק געהאט צו פאָטאָגראַפירן די אינ־טערעסאנטע סצענע און בין צום ערשטן מאָל ארויסגעשפרונגען פון מיין באהעלטעניש. האסטיק בין איך צוגעלאָפן צום בוים, מיין טרחה איז אָבער געווען אן אומזיסטע: די אונטערשטע צווייגן האָבן פארשטעלט פון מיר דעם שפיץ, און איך האָב גאָרניט געזען. צוגעדריקט צום שטאם פון דער סאָסנע, האָב איך אומזיסט זיך געמאטערט אָנצושטעלן מיין אפאראט.

ברומע האָט מיר באמערקט, האָט אָנגעהויבן שרייען און זיך אראָפּלאָזן פון בוים.

בעת איך בין געשטאנען, ניט וויסנדיק, וואָס צו טאָן, האָב איך דערהערט פלוצלונג א קול:

— פאָרזיכטיק, הער! די בעריכע וויל זיך ווארפן אויף אייך!

איך האָב זיך שנעל אומגעקוקט און דערזען דעם שומר פון האָטעל. ער האָט געריטן אויף א פערד און איז, צו מיין גליק, אָנגעקומען אין סאמע קריטישן מאָמענט פאר מיר.

די בעריכע האָט דערזען דעם רייטער און איז געבליבן שטיין. איך האָב אויסגענוצט די רגע און בין תיכף אוועק פון סכנותדיקן אָרט צו מיין רעטער.

— קענט איר אָט די בערן? — פרעג איך ביי אים.

— א שאלה, א ביסל! ווער קען זיי דאָ ניט? — ענטפערט ער, — דאָרט אויבן זיצט יאָכים, נידעריקער אביסל — זיין

מוטער ברומע. דער בערעלע איז תמיד חולהוואטע. א פּיפּס פון איר קליינעם, — און די מוטער איז גלייך אומרואיק. אומעטום חלומט זיך איר מהדאדיקע סכנות פאר איר בן־יחיד. אין אזעלכע מינוטן איז גלייכער אָפּטראָגן זיך וואָס ווייטער פון איר, זי איז גרייט ווארפן זיך אויף איטלאכס חשודן, וואָס זעט איר נאָר אויס געפערלאך פאר איר זונדל.

— מיר ווילט זיך זיי ביידע פאָטאָגראפירן, ווען זיי וועלן זיך אראָפּלאָזן, — האָב איך געזאָגט.

— נו, אדרבה, ס'איז מעגלאך, — זאָגט מיין נייער באַקאנטער, — איך בלייב דאָ, און איר טוט זיך אייער זאך. וועט עס דער אלטער ניט געפעלן ווערן, און זי וועט וועלן זיך ווארפן אויף אייך, — זייט רואיק, איך וועל איר שוין אָפּהאלטן.

איך האָב אים באדאנקט, און מיר זיינען געבליבן שטיין, ווארטנדיק די בערן זאָלן אראָפּ פון בוים. אין א מינוט ארום האָט ברומע מיט א דראָענדיקן הוסטן און ברומען אָנגעהויבן זיך אראָפּלאָזן פון צווייג צו צווייג. זאראָפּשפּרינגענדיק אויף דער ערד, איז זי, צו מיין גרויס פארוואונדערונג, תיכף אנטלאָפן אין וואלד, ניט ארויסווייזנדיק קיין סימן שנאה צו מיר אָדער צו מיין חבר.

געבליבן אליין אויפן בוים, האָט יאכים פארוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן און קינדיש געשריען: „אוא!, אוא!, אוא!“, קענטיק, ער איז שטארק געוועזן באליידיקט, וואָס די מאמע האָט אים פארלאָזן.

איך האָב געמאכט אלע הכנות, כדי אים צו פאָטאָגראפירן. אָבער פלוצלונג האָב איך באמערקט דעם גרויען ריז, וואָס האָט זיך פאמעלאך געלאָזן גלייך אויף מיר.

— און דעם גבר קענט איר? — האָב איך א פרעג געטאָן מיין נייעם חבר.

— אוודאי! — ענטפערט ער, — מיר קענען זיי דאָ כמעט אלע, כאָטש זיי זיינען דאָ גיט ווייניק. ער איז דער גרעסטער אין דער חברה בערן. תמיד איז ער פארטאָן אין זיינע עסקים און טשעפעט קיינעם ניט. פרובירט מען אים אָבער שטערן, ווען ער זוכט עפעס א קיי, ווערט ער מוראדיק אין כעס.

— איך האָב אויך אים שטארק חשק צו פאָטאָגראפירן, — זאָג איך — ווי מיינט איר, ער וועט זיך פארהאלטן רואיק דערצו?

— ווער ווייס!? ס'ווענדט זיך, אָן זיין שטימונג. קריכט בעסער ארויף אויף א בוים, — עצהט מיר דער שומר, — פון דאָרט קענט איר רואיק טאָן וואָס איר ווילט: דער חברה־מאן קלעטערט ניט אויף בוימער.

קלעטער איך ארויף אויפן בוים, — האָט מיר דער שכל געזאָגט, — וועט דער קליינער אויפהויבן א גוואלד, אז די מו־טער וועט קומען צולויפן: בין איך גאָר צווישן צוויי פייערן. זי וועט דאָך מיר וועלן אראָפשלעפן פון בוים, קען איך ארייגפאלן ניט נאָר צו איר, נאָר אויך צום גבור אין די לאפעס, וואָס

פ׳געפעלט מיר גאָרניט. דעריבער האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון דעם שומרס עצה.

— ניין, איך וועל דאָ בלייבן, — האָב איך באַשלאָסן, — ווען ער וועט זען צוויי מענטשן, דערצו נאָך איינעם א רייטער, וועט ער קיינעם קיין רעה ניט טאָן.

דער שומר האָט א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און געזאָגט:

— ווי איר ווילט. נאָר געדענקט, וועט זיך דעם בער פאַרוועלן אויף אייך אָנפאַלן, וועל איך א האָר ניט קענען העלפן.

— עט, האָב איך געטראַכט, — אַלץ וועט אַדורך בשלום.

איך בין געבליבן שטיין און אָנגעשטעלט מיין אַפּאַראַט. צוערשט האָב איך אים אַראָפּגענומען אויף א מהלך פון פערציק, נאָכדעם — פון צוואַנציק מעטער. איך האָב אָבער געוואָלט פאָטאָגראַפירן דעם ריז גאָר נאָענט, אין זיין גאַנצער גרויס. דערי-

בער האָב איך זיך אריבערגעטראָגן אויפן מיסט=הויפן און פלומרשט רואיק אים אָפגעוואַרט.

פּאַמעלאַך האָט ער זיך דערנעענטערט צו מיר: אכצן מעטער — זעכצן מעטער — צוועלף מעטער — אכט מעטער, — דער מהלך ווערט קלענער און קלענער. שטאַרקער און שטאַרקער האָט געקלאַפּט מיין הארץ. פארצווייפלטער און הארצרייסנדיקער זיינען געוואָרן יאכימס געשרייען; לסוף, א מעטער פינף פון מיר איז דער וואַלד=גבור געבליבן שטיין, ער האָט אומגעקערט זיין האָריקן ריזן=קאָפּ, כדי צו זען, מסתמא, ווער מאַכט דאָרט אויבן אזעלכע קולות. איך האָב עס אויסגענוצט און אים פאָטאָגראַפירט אין פראָפיל. ווי ער האָט נאָר דערהערט דעם טיק פון אפאַראַט, האָט ער זיך מיט א דונער=געשריי תיכּף אומגעקערט צו מיר.

מיין לאַגע איז געווען קריטיש. אָפּגעשטאָרבן בין איך אויף אן אָרט, פאַרגליווערט איז געוואָרן די בלוט אין מיינע אָדערן, די האָר האָבן זיך מיר געשטעלט קאַפּויער. איך בין געווען זיכער, אז שוין, מיין שעה האָט געשלאָגן: דער בער וועט מאַכן א סוף מיט מיר. דער גיגאַנט האָט א מינוט מיר אָנגעקוקט. טיף אין זיינע אויגן האָבן געברענט העל=גרינע עלעקטרישע פייערלאַך (אגב אורחא, די אויגן פון די חיות זיינען ענלאַך אויף עלעקטרישע פייערלאַך: פלוצלונג בליצן זיי אויף, בייטן אָפּט, לויט זייער אינערלאַכע שטימונג די פאַרב, דעם גלאַנץ, פלוצלונג לעשן זיי זיך אויס). ער האָט זיך אָבער אומגעריכט אָפּגעקערט פון מיר און רואיק אויפגעהויבן א טאָמאַטן=פּושקע.

הם, — האָט א בליץ געטאָן אין מיין מוח, — אפשר וויל ער דאָס מיר מכבד זיין מיט דער פושקע איבערן קאָפּ?.. ס'איז אויך א קנאפּע מתנה.

נאָר דער בער האָט שוין איך מיר מער ניט געקוקט, ער האָט געלעקט די פושקעס. געפּטרט איינע, האָט ער זי אוועקגעשליי־דערט און זיך גענומען צו א צווייטער. פון האָטעל האָט מען א רוף געטאָן דעם שומר. צוווארפנדיק מיר א פּאָר בארואיקנדיקע ווערטער, האָט ער אוועקגעריסן, דער בער האָט אים בא־לייט מיטן אויער.

יאכים האָט אלץ געשריען ניט מיט זיין קול. מיין האָריקער שכן האָט אים אפילו ניט געוואָלט אָנטאָן דעם כבוד, א קוק טאָן אין זיין זייט.

מיר איז אראָפּגעפאלן א שטיין פון הארצן. גייענדיק הינ־טער זיך, האָב איך זיך פאמעלאך אוועקגערוקט פון דער חברותא מיטן וואלד גבור, וואָס האָט אלץ געהאלטן אין דער סעודה.

וואו איז געווען פרומע בעת דער גאנצער מעשה, ווייס איך ניט. איר זון ווידער, זעענדיק אז אין שכנות איז ניטאָ קיין לעבעדיקער נפש, וואָס זאל אים מיטפילן, איז געקומען צום שכל און האָט אויפגעהערט צו גוואלדעווען.

ניט האָבנדיק לעם זיך די מוטער, האָט ער אליין גענומען טראכטן, ווי ארויסצוגיין פון זיין לאגע, וועלכע איז אים שוין נמאס געוואו. זיין פלאן האָט עדות געזאָגט, אז ער איז קליגער, ווי ער זעט אויס.

זיינע כיטרע אויגעלאך האָבן נאָכגעשפּאַצירט איטלאַכס באַוועגונג פון גרויען ריז. ווען דער בער האָט זיך דערוויטערט אויף א קליינעם מהלך, האָט יאכים פאַמעלאך זיך אַראָפּגעלאָזן פון בוים. ניט קוקנדיק אויף זיין הינקענדיקן פוס, איז ער שנעל צוגעלאָפן צו א צווייטן בוים און פלינק ווי א קאַץ אַרויפגעקלעטערט אויף אים.

יאכים האָט, אוודאי, געטראַכט, אז דער בער האָט קיין אנדער זאך ניט אין זינען, ווי נאָר אים כאַפּן און פאַרבייסן מיט ים.

פאַר אים איז, מסתמא, אויך קיין סוד ניט געווען, אז גרויע בערן קריכן ניט אויף די ביימער.

א קורצע צייט איז ער געזעסן אויפן שפּיץ פון צווייטן בוים. זיך איבערצייגנדיק, אז דער גרויסער „פעטער" — בער קוקט אויף אים ניט, האָט ער זיך גיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד, איז אוועקגעקראָכן צו א דריטן בוים, נאָך ווייטער פון דעם אָרט, וואו דער „פעטער" האָט באַלעבאַטעוועט, און איז תיכף אויף אים אַרויפגעקראָכן. ס׳איז געווען קלאָר, אז ער האָט בדעה אויף אזא אופן ניט לאָזן קיין סימנים נאָך זיך און אַראָפּפירן דעם ריז פון וועג. איך האָב געזען, ווי ער האָט אין אזא סדר געמאַכט זיין ווייטערדיקע עקספּעדיציע. ער פלעגט איטלאַכס מאָל אַרויפקלעטערן אויפן סאַמע שפּיץ, ווי הויך דער בוים זאָל ניט זיין, און פון דאָרט מאַכן א גרונטיקע אויסשפּירונג. באַלד איז ער נעלם געוואָרן אין געדיכטן וואַלד

אין א ווײַלע ארום האָט דער ווינט צעטראָגן איבערן וואלד יאכימס פרייד־געשרייען, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אז ער האָט געפונען זיין מוטער.

VI.

די בערן זיינען זיך נוהג צו באשטראָפן זייערע קינדער פאר ניט פאָלגן מיט קלעפּ, פעטש, סטוסאקעס און נאָך אזעלכע קערפּער־לאכע שטראָפן. ברומע האָט זעלטן ווען באנוצט די מיטלען. האָט זי טאקע איר בן יחידל שטארק צעלאָזן. ס׳פלעגט ניט פארלויפן קיין שעה, דער תכשיט זאָל איר ניט פארשאפן קיין עגמת נפש.

מאכט זיך באלד א נייע מעשה. די דאָזיקע מעשה האָב איך געהערט פון דריי בערג־יעגער. די מענטשן ווערן שטארק ברוגז, אויב מ׳איז מסופק אין דער אמתדיקייט פון זייערע מעשיות, אגב זיינען זיי גוטע שיסער און תמיד באזארגט מיט רעוואָלווערן, וועלכע זיי באנוצן אמאָל אויך, כדי שטארקער צו איבערצייגן יענעם. דעריבער האָב איך קיין ברירה ניט געהאט און געמוזט זיי גלויבן אויפן וואָרט. די מעשה האָט אָבער שפּע־טער באשטעטיקט אויך דער שומר פון פארק.

די גרעסטע הנאה האָט יאָכים געהאט פון די פושקעס מיט די געצוקערטע רויטע פלוימען. די פּראקטיק האָט אים אויסגע־לערנט תיכף דערקענען זיי פון־דערווייטנס, דערגייט באַר זייער ריח צו אונזער נאַשער, רינט אים גלייך פון מויל.

מאכט זיך א מאָל, אין דער גרויסער קיך פון האָטעל האָט

מען געבאקט טאָרטן מיט רויטע פלוימען. דער ווינט האָט דער־טראָגן יאָכימען דעם געשמאקן ריח.

ווי אויף צו להכעיס האָט אים גאָר די מוטער געדארפט איצט צוואָגן, וואשן די מאָרדע מיט דער לאפע, קאמען זיין קאָפּ מיט אירע נעגל. ווי א סך קינדער, האָט יאָכים דאָס ניט געקענט פארטראָגן און איטלאכס מאָל פלעגט ער דערביי שרייען און וויינען. איצט האָט אים דער ריח געצייגן אין קיך אריין. ער האָט זיך אָנגעהויבן ווארפן און אפילו געוואָלט א ביס טאָן די מוטער. דאָס מאָל איז ברומע ארויס פון די כלים און האָט אים ארויפגעלאָזן א פייערדיקן פאטש, אז ער האָט זיך איבערגעקערט קאזיאָלקע אויף עטלאכע טריט.

ס'איז ניטאָ קיין שלעכטס אָן גוטס: יאָכים האָט עס אויסגע־נוצט, איז אויפגעשפרונגען אויף זיינע דריי געזונטע לאפעס און זיך אנטלאָפן פון דער מוטער אין דער ריכטונג צום האָטעל. ברומע האָט זיך, ווי תמיד, גלייך געלאָזן נאָך אים, ווייל זי האָט שוין די ביטערע פראקטיקע, אז אָן איר מאכט ער זיך תמיד אָן א נייע צרה.

דער נאָז האָט אים אוועקגעפירט אין קיך. אויפן וועג איז ער עטלאכע מאָל ארויפגעקראָכן אויף די בוימער, כדי זיך ארומ־קוקן, צו ס'לויערט ניט ערגעץ וואו א שונא, די מוטער פלעגט בלייבן אונטן.

שוין גאָר נאָענט, איז יאָכים ארויפגעקראָכן אויפן שפיץ פון א הויכן בוים און האָט איינגעאטעמט אין זיך די געשמאקע ריחות,

וואָס האָבן זיך געטראָגן פון קיך.

די מוטער האָט, מסתמא, פארשטאנען, וואָס איר זון האָט אין זינען, און האָט זיך פארנומען צוריק אין וואלד. יאָכים האָט אָבער אויפגעהויבן א הארצרייסנדן געשריי, ברומע האָט זיך געמוזט אומקערן צוריק.

אגב, איז ברומע אליין אויך ניט געווען קיין שונא פון פלוימען־מארמעלאד: ס'האָט איר אויך שטארק געקיצלט אין נאָז. דעריבער האָט זי ניט אָפגעהאלטן איר זון. אויף אירן א סיגנאל, איז ער אראָפּ פון בוים און מיט שמחה אוועקגעהונקען אויף זיינע דריי פיס צום קיך. ברומע נאָך אים.

ביים קיך האָבן זיי קיין זאך ניט באמערקט. פון כלל „לעבן און לאָזן לעבן" האָט מען שטארק געהאלטן אין פארק. די בערן קומען אָפט אהער, באקומען עפּעס אין לאפּע און טראָגן זיך אָפּ תיכף צוריק אין וואלד.

ווי דער מנהג איז, וואָלט דער קוכאר, מסתמא, מכבד געווען ברומען און איר נאשער מיט א ביסל פלוימען, ווען ס'פּאסירט ניט עפּעס אומגעווינלאכעס.

מיט א וואָך צוריק האָט איינער פון די האָטעל באדינער געבראכט אין קיך א נייע קאץ.

די יונגע קאץ איז באלד געוואָרן א מוטער פון עטלאכע קעצעלאך. בעת ברומע און יאָכים זיינען צוגעקומען, איז די קאץ מיט אירע קעצעלאך געלעגן אויף די טרעפּלאך פון קיך

און האָט זיך געוואַרימט אויף דער זון. דערזעענדיק די גרויסע בעריכע, האָט זי ברייט געעפנט אירע קעצישע אויגן. זי האָט אין לעבן קיין בערן ניט געזען. תּינט האָט זי יע געקענט און געמיינט א פּנים, אז ס׳מוז זיין א גרויסער הונט.

איר ערשטער רעיון איז געווען מאכן פליטה פון דער מוראדיקער חיה. אָבער די דאגה פאר די קינדער האָט איר אָפּגעהאלטן דערפון. די יונגע מוטער האָט לחלוטין פארגעסן אָן זיך און מוטיק באגעגנט די בעריכע. זי האָט

זיך אויפגעהויבן אויף אירע לאפּקעס, אויסגעבויגן דעם רוקן און דעם עק, איינגעצייגן די אויערן, ארויסגעלאָזן די שפּיציקע נעגל און, באווייזנדיק אירע שארפע ציין, אָנגעהויבן מוראדיק מיויקען. הגם די קאץ האָט גערעדט אויף איר לשון, האָט די בעריכע, אפנים, גוט פארשטאנען, ווייל די צ הערער פארזיכערן, אז ברומע איז ניט בלויז געבליבן שטיין, נאָר האָט, ווי דער מנהג איז דאָ געווען, אויפגעהויבןביידע פאָדערשטע לאפּעס — א סימן פון שלום. די קאץ איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן. ווען ברומע האָט זיך אויפגעהויבן אויף די הינטערשטע לאפּעס און זיך אויסגעצויגן אין איר גאנצער גרויס, האָט זי באמערקט, ווי נישטיק קליין די קאץ איז געגן איר.

איר מחשבה איז, מסתמא, געווען: פארן גרויען וואלד-ריז ניט דערשראָקן זיך און פאר אזא קליין חיהלע אָפּטרעטן?— פע, א חרפּה!

חוצדעם האָט יאכים גע׳אָמערט הינטער איר, דערמאָנענדיק דער מאמען, אז זי טאָר זיך ניט אָפזאָגן פון ארײַנשמעקן אין קיך, כאָטש בלויז פון זײַנעטוועגן. דאָס האָט איר געשטויסן מאכן נאָך א טריט פאָראויס.

נאָך מוראדיקער האָט די קאַץ א׳יטגעשיפּעט איר „שטײ!”. ברומע האָט אָבער קײן אכט ניט געלײגט אויף דער התראה. דער יאָמערליכער געוויין פון די דערשראָקענע קעצעלאך, וועלכע האָבן זיך צוגעטוליעט אײנע צו די אנדערע אין א ווינקעלע בײַ דער קיך, האָט געצוואונגען דער מוטער אײַנצושטעלן דעם לעבן און אנטקעגנצושטעלן זיך דעם „גרויסן הונט”.

דער פילבארסטער אָרט בײַ די בערן, איז דער נאקעטער נאָז. די קאַץ האָט עס פארשטאנען, מסתמא, אינסטינקטיוו. מאָדנע גיך איז זי ארויפגעשפּרונגען ברומען אויפן האלז און מיט אירע אכצן שארפע נעגל־נאָדלען און מיט דער מויל פול צײנער אײַנגעביסן זיך אין איר נאָז.

צעמישט איז די בעריכע געוואָרן פון אומגעריכטן אָנפאל. ברומענדיק פאר ווייטאָג, האָט זי שטארק געטרייסלט דעם קאָפּ אין אלע זײַטן, וועלנדיק אראָפּווארפן פון זיך די בייזע חיהלע. די קאַץ האָט זיך אָפּגערוקט אויף הינטן און ארײַנגעלאָזן אירע נעגל אין ברומעס רוקן.

אומזיסט האָט די בעריכע זיך געמאטערט מיט אלע אירע כוחות אראָפּצוטרייסלען פון זיך דעם שטעכעדיקן קנײלכל. סוף כל סוף האָט זי באשלאָסן צו אנטלויפן בחרפה פון איר שונאס

געביט. פאר דער קליינער זיגערן, איז, מסתמא, געווען ווייניק צו פאריאָגן דעם שונא: האָט זי געוואָלט דעם אומגעבעטענעם גאסט פארשאפן אזא מפלה, אז ער זאָל פארזאָגן אויף דורות צו רוקן זיך דאָרט, וואו אירא קעצעלאך זיינען

ווי גיך די בעריכע איז ניט געלאָפן און וואָס פאר א געוואלדיקע שפרונגען זי האָט ניט געמאכט, האָט זי אלץ ניט געקענט לויז ווערן פון קליינעם טייוול, וואָס האָט אכזריותדיק מיט די ציין און נעגל באארבעט איר ברייטן, פעטן רוקן. דער גאנצער וועג איז געווען באזייט מיט ברומעס שטיקער פעל און טראָפּנס בלוט.

א גרויל האָט ארומגעכאפּט די אומגליקלאכע בעריכע. ווי משוגע האָט זי זיך גענומען דרייען אין א קרייז און ווילד געשריען. איצט איז זי געווען גרייט ביי אלע תנאים שליסן שלום מיטן קליינעם שונא, וועמעס כוח זי האָט צו שטארק דערפילט. דער שונא איז אָבער געווען אומבארחמנותדיק טויב צו אירע מאוימדיקע געשרייען און איז נאָך אכזריותדיקער און צאָרנדיקער געוואָרן.

ווער ווייס, ווי לאנג ס'וואָלט געדויערט די טראגישע שפיל, ווען יאַכים, וואָס איז געזעסן אויפן שפיץ בוים, וואָלט ניט ארויפגעפירט מיט א שניידיקן קוויטש זיין מוטער אויף א נייעם געדאנק: זי האָט זיך א לאָז געטאָן צום בוים און גענומען אויף אים קלעטערן.

די קאץ האָט פארשטאנען, אז דער בערעלע קען העלפן

זיין מוטער לויז ווערן פון שונא, און איז תיכּף אראָפּגעשפּרונגען פון איר געגנערין, נאָך איידער די לעצטע האָט באוויזן ארויפצוקריכן אויפן בוים, פון וועלכן זי האָט אָבער ניט אָפּגעטראָטן. זי האָט שטאָלץ אויפגעהויבן דעם עק און, מיויקענדיק א נצחון־לידעלע, האָט זי סטראשענדיק געקוקט אויפן בוים.

— אנו, פּרוביר נאָר אראָפּגיין! איך וועל דיר נאָך בעסער אָנרייבן דיין מאָרדע!

שפּעטער א ווײלע האָט זיך די זיגערין אוועקגעזעצט לעם בוים, וואו ס'איז געזעסן די באזיגטע, און א רוף געטאָן די קעצעלאך. די קליינע זיינען תיכּף צוגעלאָפן, ארומגערינגלט די מוטער און געשפּילט זיך מיט איר.



די קאַץ האָט בדעה געהאט אויסצוהונגערן די בעריכע און וואָלט ניט אראָפּגענומען די באלאגערונג, ווען ניט די האָטעל־באדינער, וואָס האָבן רחמנות געקראָגן אויף זייער אלטער באקאנטער און איר קראנקן זון און געוואָלט זיי ארויסהעלפן פון דער צרה. זיי האָבן אריינגענארט די קאַץ מיט א שעלכעלע מילך. קעגן אזא נסיון האָט די קאַץ ניט געקענט ביישטיין און אוועקגעוואָרפן איר פּלאן.

ווי נאָר די קאַץ מיט די קעצעלאך זיינען נעלם געוואָרן אין קיך, איז ברומע מיטן זון תיכף אראָפּגעקראָכן פון בוים און ביידע זיינען אויף אלע פיר אנטלאָפן אין זייער רו אריין.

VII.

בעת איך האָב דעם לעצטן מאָל געזען יאָכימען, איז ער געזעסן אויפן שפיץ פון א בוים און ווי דער שטייגער, געשריען.



זיין מוטער איז ארומגעלאָפן און הארציק געברומט. וואָס דאָ קומט פאָר האָב איך ניט געקענט פארשטיין. קיין שום חשד פון וואָסער ס'איז סכנה האָב איך ניט באמערקט. דער לאָבוס האָט, מסתם, פּשוט געוואָלט הוזק מאכן פון זיין מוטער. און אפשר האָט ער זיך איבערגעגעסן און איז קראנק געוואָרן. א פּנים האָט ער טאקע געהאט פון א חולת. מיט יעדן טאָג האָט ער אויסגעזען ערגער און ערגער. מ'האָט געזען, אז ער וועט לאנג ניט אָנציען.

ברומע אליין איז שוין אויך ניט געווען די זעלבע. זי איז עלטער געוואָרן, איר צערטלאכקייט צום זון איז שוין ניט ווי

פריער. א ביטערע צייט איז געקומען־פאר יאָכימען: האלבע טעג פלעגט ער אָפּזיצן איינער אליין אויף א בוים און יאמערן איבער זיין טרויעריקן מזל.

זיין לעצטע שעה האָט געשלאָגן, בעת אין האָב שוין געהאט פארלאָזן דעם פארק. דעם סוף פון זיין לעבן האָט מיר איבערגעגעבן מיינער א באקאנטער, וואָס האָט באזוכט דעם פארק נאָך מיר.

אין אווגוסט, אין א גרויען טאָג, איז ברומע מיט איר זון געקומען א שמעק טאָן לעם קיך, כדי צו כאפן עפּעס אין מויל אריין. מיט א פּאָר טעג צוריק איז אין האָטעל־קיך אָנגעקומען א יונגע אירלענדישע מיידל. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אז צום קיך דערנעענטערט זיך א קו. פאטשנדיק מיט די הענט, איז זי מיט א געשריי ארויסגעלאָפן פון קיך: זי האָט געוואָלט ארייַנטרייבן די קו אין שטאל.

די אָפענע טיר פון קיך האָט, מסתּם, ארויסגערופן ביי ברומען טרויעריקע זכרונות וועגן איר באגעגעניש מיט דער קאץ און זי איז אין גרויס פחד אנטלאָפן. יאָכים האָט פון מורא א טריט ניט געקענט שטעלן. באלד האָט ער, ווי זיין טבע איז, אָנגעהויבן קלעטערן אויף א שטאם, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א לאמטערנע־סלופּ. צום אומגליק, איז דער סלופּ געווען בלויז זיבן פוס די הויך.

זיצנדיק אויפן שפּיץ, האָט ער, ווי דער שטייגער, פארהילכט די לופט מיט מוראדיקע קולות.

באמערקנדיק איר טעות, האָט זיך די מיידל ניט ווייניקער דערשראָקן פאר דער בעריכע, זי האָט אָנגעהויבן קוויטשען איבערן גאנצן הויף. אויפן געפילדער זיינען זיך צונויפגעלאָפן די האָטעל באדינער. דערזעענדיק דעם בערעלע איינעם אליין, האָבן זיי שטארק געקריגן חשק צו כאפן אים א לעבעדיקן.

מ׳האָט געבראכט א פעטלע מיט א לאנגער אייזערנער קייט. נאָך א קורצן קאמף האָט זיך זיי איינגעגעבן ארויפצוווארפן די פעטלע אויף זיין האלז און אים צובינדן צום סלופ

יאָכים איז געוואָרן אזוי צעמישט, אז ער האָט, אפילו, א צייט אויפגעהערט צו גוואלדעווען, ער האָט זיך פארצווייפלט געוואָרפן, געקראצט, געביסן, פרובנדיק זיך באפרייען. אז אים האָט זיך ניט איינגעגעבן אראָפצוווארפן פון זיך די פעטלע און צערייסן די קייט, האָט ער זיך ווידער גענומען צו זיין אלטן באליבטן מיטל: שרייען מיט אלע כוחות און רופן די מוטער צו הילף.

צעטראָגן, אומרואיק האָט זיך ברומע תיכף באוויזן. זי האָט זיך געדרייט ארום דעם סלופ, איז אָבער נאָענט ניט צוגעגאנגען אויס מורא פאר א נייעם אָנפאל פון דער קאץ.

ברומע האָט געזען, אז זי וועט שוין ניט ראטעווען איר זון, זי האָט אויך מורא געהאט כאפן דעם זעלבן פסק, וואָס ער, איז זי ווידער אנטלאָפן אין וואלד. ווי ס׳איז געווען דער אומגליקלאכער מוטער אויפן הארצן, קען מען זיך פאָרשטעלן.

כמעט דעם גאנצן טאָג האָט זיך דער געפאנגענער געוואָרפן, ווילד געשריען און געברומט. אינאָוונט איז ער געווען אזוי אויס-

געמאטערט, אז ער האָט קוים געהאט כוח אויפצועסן, וואָס די מיידל האָט אים געבראכט.

נארע (אזוי האָט די מיידל געהייסן) האָט אים געוואָלט פארבייטן די מוטער, ווייל זי האָט זיך געפילט שולדיק אין זיין איצטיקער צרה.

די נאַכט איז געווען א קאלטע, און יאָכים האָט כסדר געציטערט. ערשט פארטאָג האָט ער זיך אראָפּגעלאָזן מיט דער לאנגער קייט אויף דער ערד, וואו ער האָט געפונען א ווייכן, ווארימן געלעגער פון היי, וואָס די גוטע נארע האָט אים אויסגעבעט.

אויפן אנדערן טאָג האָט זיך ברומאַ עטלאכע מאָל געוויזן לעם סלופּ און זיך דורכגעשמועסט מיט איר געפאנגענעם זון. שפּעטער זיינען אירע באזוכן געוואָרן זעלטענער. צום סוף, האָט זי אויפגעהערט קומען.

אויף אזא אופן איז יאָכים, נעבעך, געוואָרן א קיילעכדיקער יתום.

נארע האָט אים ליב געקריגן און געזאָרגט פאר אים. זי פלעגט אים ברענגען אלץ, וואָס ער האָט נאָר ליב.

פאר איר שטארק דאגהן האָט ער איר איינמאָל געוואָלט א גראב טאָן מיטן האנט. זי האָט אים דערפאר די קלאפּ געטאָן מיטן שטעקן. ניט געווינט צו אזא באהאנדלונג, האָט ער עטלאכע שעה נאָכאנאנד געוויינט און געקרעכצט, דערפאר האָט ער זיך אָבער מער ניט דערלויבט איר צו באליידיקן און איז בכלל געוואָרן שטילער

נאָר ווען זי פלעגט פארשפעטיקן מיטן עסן אָדער טרינקען, האָט ער שטילערהייט געברומט: עררר־עררר־עררר! נאָרע פלעגט אים תיכף ברענגען, וואָס ס׳איז נאָר נויטיק געווען.

א דאנק נאָרען, האָט ער זיך אָנהויב סעפטעמבער שטארק פארבעסערט, פולער געוואָרן. ער האָט זיך איינגעלעבט אין דער נייער לאגע און אָפּגעוויינט זיך פון א סך חסרונות.

צייטנווייז האָט אים נאָרע באפרייט פון קייט און געלאָזן פריי. ער האָט עס קיינמאָל ניט אויסגענוצט, כדי צו אנטלויפן אין וואלד.

גייענדיק אויף די הינטערשטע לאפּעס, פלעגט ער א רגע ניט אָפּטרעטן פון זיין באשיצערין; וועלכע האָט אים אריינגע־לאָזן אפילו אין קיך אריין. ער האָט איר געפאָלגט, ווי א גע־טרייער הונט, און געהאלטן זיך גאנץ אָרנטלאך.

דאָ האָט ער זיך אפילו באקאנט מיט דער שרעקלאכער קאץ, וואָס האָט מיט אים שלום געמאכט, זעענדיק וואָסער מעכ־טיקע חברטע ער האָט.

סוף אָקטאָבער פארמאכט זיך דער האָטעל אויפן גאנצן ווינטער. די האָטעל באדינער האָבן זיך געשובט, וואָס צו טאָן מיטן בערעלע: אוועקלאָזן אים אין וואלד צי אוועקפירן אין ניו־יאָרקער זאָאָלאָגישן גאָרטן. די גוטע מיידל האָט אָבער באשלאָסן לאָזן אים ביי זיך, כל זמן דער האָטעל איז נאָך אָפן.

די נעכט זיינען געוואָרן זייער קאלטע, ער האָט אָנגעהויבן

שטארק הוסטן. ער איז ניט געוואָרן פעט, ווי אלע בערן אין הארבסט, נאָר פארקערט, נאָך דארער, זיין קליינער פולער בויך איז איינגעפאלן.

אין א קאלטן פרימאָרגן האָט מען אים געפונען אויף זיין געלעגער אונטערן סלופ קראנק און שיר ניט דערפראָרן. נאָרע האָט אים אריינגענומען צו זיך אין צימערל ביי דער קיך, וואו ער איז שוין פארבליבן.

א דאנק דער ליבער ווארימקייט אין צימער, נאָרעס צערט־לאכקייט און דער הילף פון א פארבייגעפאָרענעם דאָקטאָר, איז דעם קראנקן בערעלע לייכטער געוואָרן, און ער האָט אָנגעהויבן אינטערעסירן זיך מיטן ארומיקן לעבן. דערהויפט האָט אים צו זיך געצויגן דער פייער. ער פלעגט זיך זעצן אויף די הינטערשטע לאפקעס, פארלייגן די פאָדערשטע אויפן בייכל, אָנשטעלן די אויערלאך און מיט גלאנציקע אויגעלאך קוקן אויפן וואונדער, ביז דער פייער איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

שפעטער איז ער ווידער געוואָרן אפאטיש. זיין הוסטן איז אלע טאָג געוואָרן שטארקער. ער האָט כסדר געציטערט און איז געוואָרן אָפגעשוואכט. בעסער האָט ער זיך געפילט, ווען נאָרע פלעגט אים נעמען אויף איר שויס און וויגן אויף די הענט ווי א קליין קינד. ווען זי פלעגט אים צוריקלייגן אין קאָרב, וואָס איז געווען זיין בעט, פלעגט ער שטילערהייט קרעכצן און וויינען.

עטלאכע טעג פארן שליסן דעם האָטעל, האָט זיך יאָכים אָפגעזאָגט פון זיין שטענדיקן פרישטיק און זיך כסדר געבעטן

צו נאָרען אויף די הענט. די גוטע מיידל האָט אים אוועקגעזעצט צו זיך אויף די קני. ער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר. מיט די לעצטע כוחות האָט דער קליינער בערעלע געגלעט מיט זיין הייסן נאָז נאָרעס ראָזע באקן און שטילינקערהייט מיט הפסקות צערטלאך געמורמלט: „עררר... עררר... עררר.״ זיין קול איז שוואכער און שוואכער געוואָרן, ביז ער איז אויף תמיד שטיל געוואָרן...

אזוי האָט פארענדיקט זיין קורצן לעבן יאָכים-בער.